# צום פינטל

גליון קג

פרשת לך לך תשפ"ה

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים


## פרשה

גירות

### עקידת הגר

א גר רייסט זיך ארויס פון זיין משפחה און קרובים, 'לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך', דאס איז די מהות פון גירות. יעדער גר איז מעיד ווי שווער ס'איז אים געווען די דורך גאנג פיזיש און גייסטיש, ווי שווער ס'איז צו געגאנגען דעם 'לך לך מארצך וגו'', אבער קיין אנדערע ברירה איז נישט דא, דאס איז די מציאות פון גירות, ס'איז נישט שייך צו ווערן א 'גר' בלייבענדיג קאנעקטעט מיטן 'עבר', אז מ'וויל זיך מגייר זיין מוז מען זיך ארויסרייסן פון די גוים און קומען צווישן יודן, מ'מוז זיך אפהאקן פונעם 'עבר' און אנפאנגען אלעס פון דאסניי.

'לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך' איז נישט נאר פאר אברהם אבינו, 'לך לך מארצך' איז די פשוט'ע מציאות פון א גר, די אינסטראקשנס פון יעדער איינציגער גר אין די היסטוריא וואס האט זיך מגייר געווען, דאס איז די פשוטע וועג וויאזוי א 'גר' קומט אריין אין כלל ישראל.

יעדער פארשטייט אז ס'איז נישט במציאות אז די גר'ס משפחה זאל אים מחזק זיין צו ווערן א יוד, צומאל רייסן זיי פון אים ממש שטיקער לעבעדיגערהייט, און צומאל לאזן זיי אים צורו, אבער מחזק זיין איז זייער נישט מצוי. קומט אויס בהכרח אז דאס איז געווען די מציאות פון אלע גרים אין די היסטוריא וואס האבן זיך מגייר געווען, אז זיי האבן זיך געדארפט בכח ארויסרייסן פון די גוים און קומען צווישן יודן.

ס'איז לעצטענס געווען מפורסם א גר פון איראן, וואס האט זיך אפגעריסן פון דארט און אנטלאפן קיין אמעריקע זיך מגייר זיין, יארן לאנג האט ער געזוכט אויפן קאמפיוטער וועגן יודן, ביז ער האט זיך אויפגעהויבן און אנטלאפן פון דארט מורא האבענדיג פארן לעבן. ס'איז שווער צו הערן די יסורים וואס ער איז אדורך, די הארץ צוגייט פון יסורים וואס ער איז אדורך

**דאס איז די מהות פון 'גרות', דאס וואס ער רייסט זיך אפ פון זיין משפחה, ממילא איז דוקא כלפי משפחה ענינים איז ער א נייע פריש געבוירענער, ביי די אלע עניני עריות יחוד וכדומה, אלע זאכן וואס האט מיט עניני משפחה וקירבה**

זיך אפצוהאקן פון זיין משפחה, די יסורים זיך אפצוהאקן פון זיין טאטע וואס האט זיך במיוחד אפגעגעבן מיט אים, די יסורים פון פארלירן זיין גאנצע 'עבר', און מער ווי אלעס די יסורים זיך איינצוגעוואוינען אין א נייע פלאץ.

אבער א אנדערע ברירה איז נישט דא, דאס איז דער מהות פון א 'גר', א אפגעריסענער, איינער וואס האט זיך אפגעריסן בכח פון זיין משפחה או פון זיין גאנצע 'עבר'. אז מ'פארשטייט אביסל צו 'עניני נפש', פארשטייט מען אז דאס איז גארנישט אזא פשוטע זאך, דאס היילט זיך נישט אזוי שנעל אויס, דאס איז גאר טיפע און שווערע געפילן. אבער מה נאמר ומה נדבר, דאס איז די מהות פון 'גירות', דאס איז די פרייז פון גירות, גירות איז פשוט נישט שייך אנדעם.

### זהותו (identity) של הגר

די זהות פון א 'גר' איז 'א יוד'. א גר איז עוקר זיין גוישע זהות, און ער נעמט אויף זיך א יודישע זהות. די ערשטע סטעפ (step) פון גירות איז זיך ארויסרייסן פון צווישן די גוים, און דער צווייטער סטעפ איז קומען צווישן יודן, זיך בעטן ביי יודישע קינדער אז זיי זאלן דיך אריינגעמען.

ס'פאנגט זיך אן מיט 'רצון', דער כח הרצון צום אמת וואס דער 'גר' האט, דאס געבט אים די דרייוו, דאס צינט אים אן און דאס געבט אים די כוחות זיך ארויסצורייסן. נאכדעם קומט די צווייטע סטעפ (step) נכלל צו ווערן אין כלל ישראל, וואס דאס איז די ארבעט פון זיך קומען בעטן ביים 'בית דין', ביי די שלוחים פון כלל ישראל. בית דין איז מברר צו דער 'גר' מיינט עס ערנסט, צו ער בעט זיך טאקע מיט די גאנצע הארץ, ער וויל באמת זיין א יוד מיט די גאנצע הארץ, נאכדעם נעמען זיי אים אריין אינעם כלל.

גירות איז זייער א אימאשענעל דורכגאנג, די פילינגס פונעם גר בשעת'ן טבילת הגירות איז נישט צו באשרייבן, די טיפע פילינגס ווי ער האט אלעס אוועקגעווארפן פארן אמת, און ווי שווער ס'איז אים אנגעקומען, ווי שווער ס'איז געווען מ'זאל אים אנעמען, און ענדליך ענדליך האט ער זוכה געווען צו די גליקליכע מינוט. די טבילה מאכט די זאך, די טבילה מאכט דעם 'סוויטש', די טבילה געט אים א פיר אריבער צו די לעצטיגע זייט.

### כקטן שנולד

גר שנתגייר כקטן שנולד (יבמות כב

המשך בעמוד הבא

עא בכורות מז עא), במיוחד ביי משפחה עניינים, זיין קשר צו טאטע מאמע ברידער שוועסטער וכו׳, אלעס ווערט איבערגעריסן, אלע דיני עריות פאלן אוועק, ער איז ווי א נייע געבוירענער (פרט לאותם שאסור מדרבנן). די שורש הדבר איז ווייל דאס איז וואס ער האט געטון, דער ׳גר׳ האט זיך אפגעריסן מיט אלע כוחות פון זיין משפחה, איז ביי משפחה עניינים איז ער במיוחד ׳כקטן שנולד׳, ביי משפחה עניינים איז ער געווארן אינגאנצן אפגעריסן.

ביי אנדערע עניינים איז נישט אזוי גלאטיג צו זאגן ׳גר שנתגייר כקטן שנולד׳, למשל אויב א ׳גר׳ איז שולדיג געלד פאר איינעם, ווערט ער נישט פטור ווייל ער האט זיך מגייר געווען, זייער שיין זייער גוט, די גירות איז זייער חשוב, אבער זיי מוחל און באצאל דיינע חובות (עי׳ ב״מ עב ע״א ובשלחן ערוך יו״ד קעא, דאם זקפן במלוה יכול לתבוע גם הריבית עי״ש). אויך ווען ס׳קומט צו ׳עונשים׳ אויף די ׳שבע מצוות בני נח׳, וואס דער ׳גר׳ האט עובר געווען נאך אלץ גוי, ווערט ער נישט פטור דורכן זיך מגייר זיין (נאר טאמער די עונש אלץ יוד איז הארבער, נשתנה קטלה נשתנה דינו, עי׳ סנהדרין עא ע״ב).

די יסוד פון ׳כקטן שנולד׳ איז ווי געשמועסט בעיקר ביי משפחה עניינים. ווייל דאס איז די מהות פון ׳גרות׳, דאס וואס ער רייסט זיך אפ פון זיין משפחה, ממילא איז דוקא כלפי משפחה עניינים איז ער א נייע פריש געבוירענער, ביי די אלע עניני עריות יחוד וכדומה, אלע זאכן וואס האט מיט עניני משפחה וקירבה. און ס׳שטייט אז דאס איז געווען די שורש אויף דעם וואס יעקב אבינו האט חתונה געהאט מיט צוויי שוועסטערס. רחל און לאה זענען געווען ווי גרים, כקטן שנולדו, און די הלכה זאגט אז ס׳פאלט אוועק אלע הלכות פון קירבה און עריות.

די ספרים (כלי חמדה ועוד) רעדן ארום וויאזוי ס׳איז צוגעגאנגען די גירות פון ׳כלל ישראל׳, ווען גאנץ כלל ישראל האט זיך מגייר געווען צוזאמען ביי ׳מתן תורה׳, וואס דארטן איז יא געבליבן די עריות פון קרובים (בוכים למשפחותיו), לכאורה גרים פארלירן די גאנצע קשר משפחה צווישן זיך, וואלטן די יודן געדארפט ווערן מותר מיט עריות.

איז די כלי חמדה איז מסביר אז ס׳איז דא א גרויסע חילוק צווישן א גר וואס קומט פון זיך אליינס, א גר וואס רייסט זיך אליינס אפ פון זיינע קרובים, וואס דעמאלטס ווערט ער מותר צו חתונה האבן מיט די קרובים, ער האט זיך אפגעריסן פון זיי, אבער ווען גאנץ כלל ישראל איז זיך מגייר א ׳גירות כללי׳ איז דאס נישט שייך, ווייל זיי בלייבן אלע צוזאמען, און דאס מאכט אז זיי זאלן בלייבן אסור מיט עריות. אלע צוזאמען רייסן זיך אפ פון אלע אנדערע פעלקער, אלע צוזאמען רייסן זיך אפ פון מצרים, און אלע צוזאמען גייען קיין ארץ ישראל, וואס ביי דעם איז נישט שייך אז זיי זאלן ווערן מותר מיט עריות.

## ♦ נפשו של גר

א גר איז א צובראכענע מענטש. בדרך הטבע לעבט יעדער מענטש פון זיין ׳עבר׳, א מענטש לעבט פון וואס ער האט זיך אנגעזאמעלט, אלעס וואס ער האט זיך אנגעזאמעלט ביז היינט, יעדן טאג לעבט מען פון וואס מ׳האט אנגעזאמעלט נעכטן, פון וואס מ׳האט זיך אנגעזאמעלט אינעם עבר.

במיוחד די ׳נפש׳ פונעם מענטש לעבט פונעם עבר, די שטארקייט די געשמאק און חיות וואס א מענטש האט, קומט פון א גוטע עבר. קען מען זיך לייכט פארשטעלן ווי א צובראכענע מענטש א גר איז, פארלירענדיג זיין גאנצע עבר בגשם וברוח, און ער דארף אנפאנגען אלעס פון פריש ממש ׳כקטן שנולד׳. ס׳האט געברענט פארן גר דעם אמת, די רצון צו אמת איז שטערקער ווי אלעס, אבער לאחר המעשה זעט זיך דער גר א אויסגעשפילטער, וואס נאר דער אייבישטער קען אים מחזק זיין.

א קינד בטבע האט א הייקעלע און ווייכע נפש, א קינד האט זיך נאכנישט געבויט שטארקייט, ווי א טאג אין לעבן, בויט ער זיך מער, ער ווערט מער און מער שטערקער. יעצט שטעל דיך פאר א ׳גר׳, א גר ווערט בנפש צוריק ווי א קליין קינד, ער האט נישט גארנישט פון די שטארקייט זיינער וואס ער האט אנגעזאמעלט, אלעס דארף ער יעצט בויען פון פריש. יעצט קומט ער צווישן יודן, און ער דארף זיך פריש בויען, פון פריש פראבירן ארויסצובריינגען זיין הצלחה, ווייזן פאר יעדן זיינע כוחות אין יודישקייט.

איז שטעל דיך פאר א דרייסיג יעריגער מענטש וואס בנפש איז ער ווי א קינד, יעדער ווייסט א קינד א בחור׳ל וואס בויט זיך, ווי ער גייט דורך אלע סארטן שוועריגקייטן, ער איז יא ווערט, ער איז נישט ווערט וכו׳ וכו׳, פונקט אזוי גייט אריבער אויף דעם דרייסיג יעריגן גר, ער איז ווי א פרישע בחור, ער קומט אריין מיט א פרישע נפש, אויב מ׳מעג עס ריפן א ווייכע צובראכענע נפש, כקטן שנולד ממש.

די ׳בעלי מוסר׳ שטעלן פאר די פסוק ׳ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים׳, אז דאס איז א חלק פון די תהליך פון ׳גירות׳, באוויינען דעם עבר, באוויינען טאטע און מאמע, באוויינען אלעס וואס מ׳האט פארלוירן, דאס העלפט פארן גר אנצופאנגען די לעבן פון פריש, דאס העלפט אים זיך צו גרייטן אויף א פרישע לעבן.

דאס אלץ ליגט אין די פרשה, לך לך מארצך וגו׳, דער אייבישטער זאגט פאר אברהם די דארפסט זיך מגייר זיין, ׳וממולדתך׳, די דארפט געבוירן ווערן פון פריש. שפעטער שטייט אין די פרשה ׳התהלך לפני והיה תמים׳, ס׳איז מרמז אויף תמימות׳דיגקייט, פריש ווי א קינד. אויך די פסוק ׳ואת הנפש אשר עשו בחרן׳ איז מרמז אויף דעם, די פרישע נפש וואס זיי אליינס האבן באקומען דורכן זיך מגייר זיין (על פי דרך הפשט איז יתכן צו זאגן אז ביי די שידוך פון יצחק איז זייער שווער געווען פאר אברהם אבינו צוריק צו גיין צו זיין משפחה, וועגן דעם האט זיך עס געשלעפט אזוי לאנג, וואס דאס איז אלץ אין כלל פון די שוועריגקייטן פון א גר צוריק צו גיין צו זיין משפחה).

## ♦ כי אבי ואמי עזבוני

ס׳איז דא א גרויסע מצוה ליב צו האבן א גר, זעקס אין דרייסיג פלעצער איז די תורה מזהיר ליב צו האבן דעם גר און אים נישט ווייטון (עי׳ במסכת גרים פ״ד הל״ג די חיבה פון די גרים פארן אייבירשטן).

המשך בעמוד האחרון

## א גוטע אינוועסמינט

משנה מקום משנה מזל (ב"מ עה עמוד ב, ר"ה טז עמוד ב, ואמרו 'שלשה צועקים ואינם נענים, מאן דביש ליה בהאי מתא וכו'), א מענטש אויף א פלאץ ארומגענומען מיט שוועריגקייטן, ס'איז געפערליך, יארן לאנג מיטשעט ער זיך, זאגט מען אים, געב א קוק, יארן לאנג פראבירסטע, די טאפסט א וואנט, ס'קוקט נישט אויס ווי עפעס ריקט זיך, איך האב א עצה, טויש פלאץ, מאפ אוועק צו א נייע פלאץ, און סעט דיך אלעס אויף פון פריש, אלעס עפענט זיך ניי און פריש, און לאמיר האפן אז ס'וועט זיך אלעס עפענען צום גוטן (ירושלמי שבת ו, ט 'פעמים,,, ששינוי מקום גורם').

הצלחה און נישט הצלחה, איז שטארק תלוי אין די 'מקום', די מענטשן ארום ארום מאכט אסאך אויס אויף זיין הצלחה, איינעם כאפט די פלאץ גוט, ער איז שטארק מצליח אין דעם פלאץ, א צווייטן כאפט עפעס נישט דא, און די פלאץ איז ער עפעס סטאק, די פלאץ ברענגט אים במיוחד פארקערט פון הצלחה, ער פילט ווי זאכן האלטן און איין ווערן מער און מער פארדרייט, עפעס אין די פלאץ איז ער עפעס געבלאקט, גארנישט גייט אים נישט דא.

פאר אזא יוד זאגן חז"ל 'משנה מקום משנה מזל', אנשטאט זיך שלאגן א גאנצע לעבן פאר דיין הצלחה, געב א טויש פלאץ, א פלאץ איז א שורש החיים, א פרישע פלאץ א פרישע האפענונג, ס'איז צו האפן אז זאכן וועלן זיך פריש מסדר זיין, די פרישע פלאץ וועט דיך יא העלפן אויף דיין הצלחה. אודאי איז עס נישט פארזיכערט, גארנישט אויף די וועלט איז פארזיכערט, אבער ס'איז א גוטע אינוועסמינט וואס די דארפסט פראבירן.

## לך לך מארצך

שטייט אין מדרש אז דער מקור פון דעם אז 'משנה מקום משנה מזל, זעט מען ביי אברהם אבינו, דער אייבישטער זאגט פאר אברהם אבינו, דא אין 'אור כשדים' ביסטו באשמיצט פון אלע זייטן, דא ביסטו צו שטארק געבלאקט, הייב דיך אויף און זיי 'משנה מקום', 'לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך'.

ווי לאנג די ביסט ארומגענומען מיט די אלע מענטשן, וועסטו נישט קענען מצליח זיין, לך לך מארצך. גיי, איך וועל דיר שוין ווייזן, 'אל הארץ אשר אראך', דער עיקר איז ארויס פון דא, דער עיקר אז 'משנה מקום' זיין, זיך אוועקשטעלן פון פריש, אז דיין הצלחה זאל קענען אויפשיינען, 'ואעשך לגוי גדול וגו''.

'משנה מקום' איז נישט דוקא אלעמאל וואס מ'דארף טון, דער דברי יואל פלעגט זאגן, ווער זאגט אז ס'וועט זיך טוישן לטובה, אפשר פארקערט. אודאי האט עס אסאך צו טון מיט די גרויסע פיקטשער, מיט וואס מיטשעט ער זיך דא, ווי סאך מיטשעט ער זיך, ווי סאך ס'איז צו האפן אז זאכן וועלן זיך פארבעסרן, ווי די וועלט זאגט, ווי די מאפסט נעמסטו נאר מיט דיינע פראבלעמען. פאר מ'מאכט אזא גרויסע שריט ווי מאפן, באטראכט מען עס גוט מיט א גוטע יוד, צו קענען זען פון א ברייטע בליק.

שטייט אין מדרש הגדול (פרק כב) שטייט נאך די עקידה 'ויקומו וילכו יחדיו אל באר שבע וישב אברהם בבאר שבע', אברהם אבינו האט געזען הצלחה אין באר שבע, האט ער זיך נישט געוואלט אוועקריקן פון דארט, דער מדרש ברענגט א משל, 'למה הדבר דומה לאישה שהעשירה מפלכה, אמרה הואיל ומן הפלך העשרתי אינו זז מתחת ידי'. אלעס איז פון די שפע פון די פלאץ, אויב איך וועל משנה זיין די פלאץ קען זאכן נשתנה ווערן לרעה חס ושלום. זעט מען אז נישט אלעמאל איז א שינוי לטובה, צומאל קען די מזל נשתנה ווערן לרעה חס ושלום און ס'לוינט זיך נישט צו טוישן.

## שינוי מקום

ס'איז דא גרויסע שינויים און ס'איז דא קליינע שינויים, 'משנה מקום' איז גאר א שטארקע שינוי, א מענטש מאפט פון איין פלאץ צום צווייטן בקביעות, דאס איז נישט קיין טעגליכע ערשייאנג, רוב מענטשן מאכן דאס נישט אפילו איין מאל אין לעבן, העכסטנס איין מאל, מערסטנס צוויי מאל, דאס איז גאר גאר א גרויסע שינוי, אבער די חז"ל זאגן אונז אז ווען א מענטש איז ממש געבלאקט, גארנישט גייט אים נישט גוט אויף זיין ערשטע פלאץ, איז דאס די ריכטיגע זאך פאר אים, ער דארף נעמען דעם געוואקטן שריט, האפעדניג אז זאכן וועלן זיך געבן א ריר צום גוטן.

**האט אים די יסוד העבודה גענטפערט דארפסט נישט מאכן א שינוי מקום, 'זאלסט משנה זיין א תנועה אין הארץ'**

אין די הלכה וועלט טרעפט מען די מושג פון 'שינוי מקום', איינער וואס האלט אינמיטן עסן און גייט ארויס פון הויז, איז דאס א 'שינוי' אז ער זאל דארפן איבער מאכן א ברכה, געוואדן לפי די קביעות, לפי וואס ער האט געגעסן פארדעם, די 'שינוי מקום' מאכט אז אלעס זאל זיך אנפאנגען פון פריש, א פרישע קביעות, א פרישע מציאות, און א פרישע ברכה.

דאס איז א קליינע 'שינוי מקום', כל שכן ווען ס'קומט צו 'משנה מקום משנה מזל', טוישן פאלץ ווי מ'וואוינט, וואס דאס איז א 'שינוי מקום' פארן גאנצן לעבן, מ'וואוינט אויף איין פלאץ און מ'מאפט צו א צווייטע פלאץ, דאס איז גאר גאר א גרויסע שינוי, אנאפנגענדיג א נייע קביעות ממש, וואס דאס מיינט אז אלעס פאנגט זיך אן פון פריש, אלעס גייט אריין אין א מצב פון 'עראי', און אלעס איז זיך פריש קובע אין די נייע מקום.

## שינוי קונה

אין מסכת בבא קמא לערנט מען 'שינוי קונה', ס'איז דא שינוי מעשה שינוי רשות שינוי השם, א שטארקע שינוי מעשה, א שוואכע שינוי מעשה, א שטארקע שינוי השם א שוואכע שינוי השם, א שינוי צוזאמען מיט יאוש, א שינוי אליינס אן יאוש (בפרק מרובה ובפרק הגוזל עצים).

וואס מ'זעט פון די אלע גרויסע סוגיות, אז א 'שינוי' אין א חפצא, איז אויך א שינוי אין די בעלים, די ערשטע חפצא האט באלאנגט פאר ראובן, אבער יעצט אז די חפץ איז נשתנה געווארן, יעצט איז דאס שוין א נייע חפצא, יעצט איז עס שוין ביי נייע בעלים, די שינוי אין די חפצא קען גורם זיין אויך א שינוי אין די בעלים.

מעין זה איז אויך 'משנה מקום משנה מזל', די שינוי אין די מקום, קען גורם זיין א שינוי אויך אינעם גברא, די שינוי מקום, קען גורם זיין א שינוי אינעם מענטש, אז די מקום עפענט זיך, עפענט זיך אויך דער מענטש, אז דער מקום איז א נייער מקום, מצד די מקום פאנגט ער אן פון פריש, איז דא צו האפן אז אויך דער מענטש וועט זיין א נייער מענטש, דער מענטש וועט קענען אנפאנגן פון פריש.

המשך בעמוד הבא

# ענינים



## שינוי השם לחולה

ס'איז דא א גרויסע סוגיא פון געבן א נייע נאמען פאר א חולה, 'שינוי השם', א מענטש וואס הייסט לאמיר זאגן 'ראובן', איז קראנק געווארן, געבט מען אים צו א נאמען, מ'ריפט אים 'ראובן חיים', איז דאס א סגולה צו ווערן אויסגעהיילט, ווייל 'ראובן' וואלט טאקע געדארפט שטארבן, אבער יעצט אז ער הייסט 'ראובן חיים', איז ער דאך שוין א צווייטער מענטש, 'ראובן חיים' האט יא א זכות קיום, ראובן חיים קען יא בלייבן לעבן.

ס'איז סוגיות אין הלכות גיטין, ס'איז באקאנט אויף דעם פון 'ספר חסידים', ס'איז דא פארשידענע מנהגים אין דעם, ס'איז דא ביי דעם עטליכע חששות אין די הלכה וועלט, די נאמען נאכדעם אין די גט, די נאמען נאכדעם אין א כתובה וכדומה. אבער לענינינו זעט מען ווייטער די כוח פון א שינוי, ווי ס'ברענגט אריים דעם מענטש אין א נייע מציאות, זיין ערשטע מציאות האט נישט קיין זכות קיום, אין די צווייטע מציאות האט יא א זכות קיום.

די זעלבע זאך איז 'שינוי מקום', א נייע פלאץ איז נישט נאר א שינוי אין די פלאץ, ס'מאכט אויך א שינוי אין דעם גברא, א נייע פלאץ מאכט א אנדערע מענטש, משנה מקום משנה מזל, א פרישע לעבן, א פרישע בלעטל.

און אזוי ברענגן זיי פון רשב"א, דער רשב"א שרייבט אז ווען דער אייבישטער האט משנה געווען די נעמען פון אברהם ושרה, איז דאס געווען כאילו ווי א שינוי אין זייערע רוחניות'דיגע 'מקום' פון זייער נפש. משל למה הדבר דומה, א ווילדע פערד קומט צו לויפן אנטקעגען א מענטש, אפשטעלן דעם ווילדן פערד איז זייער שווער, אבער זיך צו געבן א ריק אינדערזייט, דאס איז א לייכטע זאך, טוישן די 'מזל' איז א שווערע זאך, אבער זיך משנה זיין, זיך געבן אביסל א טויש, דאס איז א לייכטע זאך.

## שינוי תנועה בלב

איינער האט אמאל געהאט א גרויסע אומגליק, האט ער געשיקט פרעגן די יסוד עבודה פון סלאנים צו ער זאל אוועק מאפן פון זיין שטאט, האט אים די יסוד העבודה געענטפערט דארפסט נישט מאכן א שינוי מקום, 'זאלסט משנה זיין א תנועה אין הארץ'. דאס הייסט אז אויב דער עיקר איז דער שינוי וואס ס'פעלט זיך אויס, מוז נישט זיין אז די זאלסט דארפן אוועק מאפן, דארפסטו נישט מאכן אזא גרויסע 'שינוי מקום', מ'קען דאס מקיים זיין מיט א קליינע שינוי אויך, מיטן משנה זיין א תנועה בלב (בפרט מיט די יסוד אז 'במקום מחשבתו של אדם שם הוא').

מענין לענין, א מענטש דארף א טשענדזש אביסל, ער מיינט אז ער דארף משנה מקום זיין, צומאל דארף ער פשוט א שטיקל תנועה בלב, עפעס אנדערשט, עפעס א קליינע פרישקייט, אנשטאט לערנען ביי דיין קביעות'דיגע פלאץ, גיי אריין אין א פרישע בית מדרש, זע פרישע מענטשן, אנשטאט גיין אנקויפן אין דיין קביעות'דיגע געשעפט, גיי אין א פרישע געשעפט. מ'קען אויף דעם ניצן די ווארט פון יסוד העבודה, ווער זאגט אז די דארפסט א שינוי מקום, מאך א שינוי תנועה בלב.

מ'ווייסט אז אין א נייע דירה מאפט מען נאר 'בכי טוב', אין טעג וואס זענען מסוגל פאר א גוטע סימן, נישט אין טעג פון אבילות וכדומה, ס'איז 'לא מסמנא מילתא'. א נייע שטאט, א נייע דירה, אלעס איז אין כלל פון 'שינוי מקום', יעדער שטארקע און יסודות'דיגע טויש, דארף מען אכטונג געבן אז ס'זאל זיין מיט א גוטע התחלה (ס'איז ידוע די סוגיות אין הלכה פון 'הכל מעלין וכו', מאפן פון איין פלאץ צום צווייטן, ס'איז דא אסאך הלכות אין דעם, מאפן איז נישט קיין פשוט'ע זאך).

# פרשה



די פשוטע טעם איז ווייל דער גר האט נישט די אהבה וואס יעדער מענטש האט פון משפחה און קרובים, פון נאנטע און באקאנטע, די 'עבר' פונעם גר איז אים אפגעשטארבן, די קרובים און באקאנע זיינע איז 'כלל ישראל', זיי האבן אים אריינגענומען אלץ א ברידער, אלץ א חלק פון 'משפחת כלל ישראל'.

די פסוק זאגט 'כי אבי ואמי עזבוני והשם יאספני'. אברהם אבינו האט אלעס אפגעלאזט, ער האט פארלוירן די אהבה פון זיין משפחה, און דער אייבישטער האט אים געגעבן א פריוואטע אהבה אנשטאט דעם. דאס איז די מציאות פון יעדער גר, יעדער גר פארלירט די אהבה פון זיין משפחה, און ער פארלאזט זיך אויף אהבת השם, ער פארלאזט זיך אויף די מצוה אין די תורה ליב צו האבן א גר.

שטייט אין פסוק (ישעי' סג טז) 'כי אתה אבינו, כי אברהם לא ידענו וגו'. מ'קען טייטשן אז אזויווי אברהם האט נישט געקענט זיין טאטע, ער האט אפגלאזט זיין טאטע צו קומען צום אייבירשטן, די זעלבע זאך טוען אונז אויך, אונז קענען נישט אברהם אבינו, אונז קומען ס'טרעיט צום אייבירשטן ווי א פרישע גר וואס לאזט אפ זיין גאנצע עבר און דער אייבישטער נעמט אים אריין, דער אייבישטער נעמט אלעס איבער.

דער חינוך (מצוה תל"ב) זאגט אז אזויווי א גר, אזוי דארף מען רחמנות האבן אויף יעדער יוד, יעדער יוד וואס איז אין אזא גירות מצב, יעדער יוד וואס געפינט זיך נישט אין זיין געבוירטס פלאץ, וואס האט פארלוירן משפחה און באקאנטע ח"ו. דער אייבישטער איז זיך במיוחד מרחם אויף די חברה, דער אייבישטער ער נעמט זיי אריין, דער אייבישטער ער נעמט זיך אָן פאר זיי, ער ערפילט אלעס וואס ס'פעלט זיי.

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**

עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424